מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **עקב - ראה** תשפ"ב ◆ עלון מס': **96**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דער לעבנס פארהער פאר'ן מענטש

שוין פון פאר פינף טויזנט מיט זיבן הונדערט צוויי און אכציג יאר צוריק ווייסט יעדער מענטש אויף די וועלט אז אויב וויל מען עפעס דערגרייכן אויף די וועלט דארף מען זיך משתדל זיין און מתאמץ זיין עס צו באקומען. אבער ווען מען וועט זיך מתבונן זיין אין דעם מיט א טיפערן בליק וועט מען איינזען אז וואס עס איז אזוי פשוט פאר אונז איז נישט אזא פשוט'ער און א פארשטענדליכער זאך.

מיר ווייסן אז דער בורא כל העולמים איז א כל יכול. עס איז נישט דא א זאך אין דער וועלט וואס האלט אים אפ פון קענען אונז געבן אלע אונזערע באדערפענישן אן וואס מיר זאלן זיך דארפן משתדל זיין דערויף. עס איז אויך דא א רייע פון לעבנסוויכטיגע זאכן וואס מיר האבן און מיר טוען נישט דערפאר קיין שום השתדלות.

מען קען נעמען צום ביישפיל די ליכטיגקייט וואס מיר האבן בייטאג, די פינסטערניש וואס לאזט זיך אראפ אויף די וועלט יעדער נאכט, דער וועג וויאזוי די שטערנס גייען און זענען משפיע אויף די וועלט, די מיליאנען באשעפענישן וואס געפונען זיך אונטער אונזערע פוס און האבן אלעס וואס זיי דארפן, אָן וואס זיי זאלן זיך דארפן פלאגן אויף איר, אַן אויסנאם איז דער מענטש וואס מוז זיך פלאגן אויף אלעס, אז יעדער זאך קומט אים אָן אזוי שווער.

וואס איז די סיבה דערצו? פארוואס טאקע האט דער רבוש"ע אזוי געמאכט אז מיר מוזן זיך אזוי פלאגן אויף יעדער זאך וואס מיר ווילן האבן?

אין פרק ג' אין די פינפטע הקדמה ברענגט דער רבי אראפ דערויף צוויי טעמים. איין טעם איז אז השי"ת האט געוואלט אויספראבירן דער מענטש אין עבודת האלקים. דער באשעפער האט אויסגעשטעלט די בריאה אין אזא וועג אז מען זאל דארפן ארבעטן צו באקומען די מענטשליכע געברויכן און דער באשעפער האט געגעבן פאר'ן מענטש צוויי אויסוועגן וויאזוי ער קען דערגרייכן זיינע געברויכן. איין וועג איז אויף אן ערליכע וועג, די צווייטע וועג איז דורך נישט קיין ערליכע וועג, און אין די הענט פון דעם מענטש ליגט די בחירה אויסציוועלן וועלכע וועג ער גייט נעמען.

א ביישפיל דערצו איז ווען א קינד ווערט געבוירן. דער קינד איז קאלט און ער דארף האבן קליידער צו אנווארעמען זיין זעל. דער קינד קען זיך נישט אליין באזארגן. די גרעסערע ארום אים מוזן אים באזארגן, און דא הייבט זיך אן די נסיון.

עס איז דא קליידער וואס זענען זייער ווארעם אבער זיי זענען פול מיט שעטנז, עס איז דא קליידער וואס זענען נישט צניעות'דיג און ערליך, וועלכער קליידער גייט דער איד אויסוועלן?

א מענטש דארף האבן א דאך העכערן קאפ. עס איז דא אסאך וועגן וויאזוי ער גייט זיך איינהאנדלן א דירה. כמעט אין יעדער גליון איז דא אויסטערלישע געשיכטעס וויאזוי אידן האבן אין א למעלה מדרך הטבע'דיגע וועג זיך געטראפן א גוטע און א פאסיגע דירה, אבער די שאלה איז אויב אונזער צוגאנג צו די דירה איז א ריכטיגע? צי געדענקט מען וועגן די מזוזה? אויפצופאסן אויף נזקי שכנים אדער מען פארגעסט פון אלעס און מען געדענקט נאר פון די צורך.

און די זעלבע זאך איז דא ווען מען גייט מאכן א שידוך. די תורה הק' שטעלט אוועק כללים אין די נושא. אין די פרשה פון קדושים האבן מיר א גאנצער ליסטע פון וועמען מען מעג יא חתונה האבן און מיט וועמען נישט.

און א שידוך, אפילו עס קומט פון הימל, האט מען אזוי אויסגעשטעלט אז מען קען נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט. אז מען וויל א גוטער שידוך דארף מען טון דערוועגן. מען דארף הערן שידוכים, זיך גרייטן צו די חתונה און דא מעסט זיך דער מענטש, צי האט ער גענוג אמונה, בטחון, צי גייט ער צו צום זאך ריכטיג, תורה'דיג.

אז מען לערנט קביעות'דיג שער הבטחון פארגעסט מען נישט אפילו אויף א רגע וואס עס איז אונזער מטרה. אז אלעס איז דא מיט א נסיון, אז מען וויל אונז מזכה זיין מיט ווי מער מצוות, אז מען זאל קענען ארויפגיין א דרגה אין עבודת השם און ווען מיר וועלן זיך משתדל זיין אין די זאכן אזוי ווי די תורה הק' פאדערט וועט אונז השי"ת מזמין זיין אלעס וואס מיר דארפן און מיר וועלן זוכה זיין צו געשפייזט ווערן מידו הרחבה והמלאה והפתוחה והקדושה.

[ארויסגענומען פון שיעור 54 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### נישט דו שלעפסט די שווערע משא

"די מעשה וואס דו האסט דערציילט מיט דער יונגערמאן פון די שטאט ביתר [זעה שפעטער אין דעם היינטיגן גליון] האט ביי מיר מחדש געווען א דערהער אין דער פסוק אין תהלים השלך על השם יהבך". זאגט מיר א יונגערמאן די וואך.

די גמרא טייטשט דיווארט 'יהבך' אז עס איז מלשון 'משא', אבער דער פשוטע'ר פשט אין די גמרא איז נישט אזוי פארשטענדליך.

לאמיר זיך אויס'משל'ן אז מיר זעען א מענטש גייט אין גאס און ער שלעפט זיך מיט א שווערע פעקל אז זיינע פלייצעס האלטן ביים אונטערברעכן. מיר קענען נישט צוקוקן וויאזוי דער איד שלעפט, מיר ווילן אים העלפן. וויאזוי העלפט מען אזא איד? מען דערנענטערט זיך צו אים און מען זאגט אים. ר' איד, איר שלעפט אזוי שווער, געב מיר דיין פעקל, לאמיר דיר ארויסהעלפן, עס שלעפן.

אז מען וועט מדייק זיין אין די ווערטער וואס מיר נוצן וועלן מיר זען אז די ווערטער וואס מיר נוצן איז 'געב מיר איבער דיין פעקל".

מען נוצט דער ווארט 'געב' ווייל א שווערע פעקל 'געבט' מען איבער. מען הערט נישט אז ווען א מענטש וויל איבערנעמען פון א צווייטן א שווערע פעקל זאל ער אים זאגן 'ווארף מיר דיין פעקל', ווייל שווערע פעקלעך ווארפן זיך נישט, אבער דער לשון הפסוק איז יא אזוי. דער פסוק זאגט 'השלך' על השם יהבך.

אבער עס איז נישט קיין טעות. עס ליגט דא באהאלטן א טיפע כוונה. ווען א טאטע געט פאר זיין קליין קינד צו האלטן א שווערע זאך, ווייסט ער אליין אז אויף צי לאנג וועט עס דער קינד נישט קענען אנהאלטן. ער שטייט גרייט נעבן דער קינד אויף די רגע, ווען דער קינד לאזט עס אפ, ער זאל עס קענען געבן א כאפ צו פון אים.

און דער סוד איז מרומז דא אין די ווערטער.

מענטשן דרייען זיך ארום אין די וועלט מיט אראפגעלאזטע פלייצעס. די משא וואס הויערט אויפ'ן פלייצע איז צי שווער. עס וועגט אראפ, ער שפירט ווי ער קען עס נישט דערהייבן.

עס איז ביי די טאג טעגליכע אויפגאבעס און עס ווערט נאך שווערער ווען עס קומען צו גיין שווערע צייטן. ווען מען דארף חתונה מאכן א קינד, אדער ווען מען דארף זיך אויסרישן מיט א גרעסערע דירה. מען ווערט אויסמענטש, מען פארשטייט נישט וויאזוי קען איך טראגן אזא לאסט, עס איז מער ווי איך קען דערהייבן.

אבער דער אמת איז אז עס איז טאקע מער ווי דו קענסט דערהייבן! אבער דו מוזט עס נישט טראגן. דער פסוק רעדט צו דיר. ער זאגט דיר 'טראג עס נישט'. אנשטאט אז דו זאלסט עס טראגן, זיי מקיים דער 'השלך' ווארף עס אראפ פון דיר און ווארף עס ארויף אויף מיר, דער באשעפער זאגט פאר א איד, עס איז נישט דיין משפחה, עס איז נישט דיין דירה, פון דיר וויל איך אז דו זאלסט טון וואס דו קענסט טון מיט א רואיגקייט, אבער דער עול דארפסטו נישט טראגן, דער עול לאז איבער ביי מיר.

אמאל וויל דער רבוש"ע אז מיר זאלן גארנישט טון, אמאל וויל ער אז מיר זאלן יא טון, מען דארף קענען מבחין זיין צווישן איין מציאות און די אנדערע, אבער דער עול איז נישט דיינער, דער לאסט דארפסטו נישט טראגן, דאס ווארף אוועק, ווארף עס אריבער צום רבוש"ע און ער וועט עס איבערנעמען פון דיר.

און ווען א איד לעבט אזוי, זעט ער סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

### וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## איך האב עס געברענגט פאר דיר

ווען איך האב זיך געגרייט אויף א רייזע קיין אויסלאנד צו גיין נאך געלט פאר די כולל פון מיין טאטע האב איך געוואוסט אז איך מוז מיט מיר האבן דער ספר 'בקודש פנימה' וואו עס שטייט באשריבן די תולדות פון הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע.

ביי מיין לעצטע רייזע האב איך געהאט מיט מיר דער ספר. איך האב עס דורכגעליינט אונטערוועגנס און איך האב זיך געשפירט ווי איך ווער אריינגעפירט אין א צווייטער סארט אטמאספער. די ספר איז איין לאנגער קייט פון יראת שמים און ווען דו גייסט אריין אין דער איינפלוס פון דעם ספר שפירסטו ווי אלע אויסטערלישע תאוות פון די וועלט האט נישט קיין שום ווערד אין דיינע אויגן, די רייזע מיט'ן פליגער, ווערט א רייזע אן קיין נסיונות.

איך האב געזוכט אלע ערליי וועגן ווי אזוי צו לייגן א האנט אויפ'ן ספר אבער איך האב עס נישט געטראפן. איך פלעג עס בארגן פון א חבר אבער צו מיין מזל האט מיין חבר נישט געטראפן דער ספר ביי זיך און יענעם צופרי ווען איך האב געלערנט פרקי אבות און זיך באגעגנט מיט די משנה 'הווי מתלמידיו של אהרן הכהן' האב איך אינזינען געהאט אז אין זיין זכות זאל איך האבן א הצלחה און א שמירה עליונה אויפ'ן וועג ברוחניות ובגשמיות.

איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג. דער וועג צום עירפארט איז אריבער גלאט אבער ווען איך האב זיך געשטעלט ביים טשעק אין דעסק זאגט מיר דער באאמטער אז עס טוט אים לייד, אבער איך האב נישט קיין פלאץ אויפ'ן פליגער.

איך האב נישט געקענט פארשטיין וויאזוי אזא זאך קען געשען. מיין טרעוול אגענט האט דאך מיר צוגעזאגט אז ער האט באשטעלט פאר מיר א רייזע אבער ווי עס שטעלט זיך ארויס, האט ער באשטעלט פאר מיר א פליגער, אבער אן א זיץ אויפ'ן פליגער.

"ווארט דא, לאמיר זען וואס איך קען טון"? האט מיר דער באאמטער געזאגט ווען איך שטעל זיך אין די רייע ווארטנדיג אויף נאך צענדליגע וואס ווארטן צו זען אויב עס גייט נאך זיין פלאץ פאר זיי אין די פליגער. איך האב געווארט דארט א שטיק צייט און נאך אפאר מינוט קומט אריבער צו מיר איינער פון די לופטפעלד איינגעשטעלטע און ווייזט מיר אז איך זאל אים נאכקומען אויפ'ן וועג צום פליגער.

איך האב אים באגלייט און מיר זענען אנגעקומען צום פליגער. איך גיי ארויף אויפ'ן פליגער און ער ווייזט מיר אז עס איז דא א ליידיגער פלאץ נעבן א חסיד'ישער יונגערמאן. איך בין געווארן מרוגש. פון אלע מענטשן אין די וועלט וואס האבן געווארט האט ער מיר גערופן און איך האב באקומען אזא גוטער פלאץ נעבן אן ערליכער איד.

שמועסנדיג אזוי זאגט מיר דער איד אז ער איז אויפ'ן וועג צו א משפחה שמחה און כ'דערצייל אים אז געווענליך נעם איך מיט מיר די ספר 'בקודש פנימה' אבער דאסמאל איז מיר נישט געלונגען עס צונעמען.

"בקודש פנימה"? געט ער מיר א פרעג.

ער הייבט אן טאפן אין זיין טאש און ער שלעפט עס ארויס.

"איך האב דיר עס געברענגט"!

וואס הייסט? האב איך געוואלט פארשטיין.

ער דערציילט מיר אז ער האט נאך קיינמאל נישט מיטגענומען קיין ספר מיט זיך אויף נסיעות אבער דאסמאל צוליב אן אומבאקאנטער סיבה איז ער צוגעגאנגען צום ספרים שאפע און ארויסגענומען פון דארט דעם ספר, אז ער זאל עס האבן מיט זיך.

"ביסט א בעלזער חסיד"? פרעג איך אים.

"ניין. און כ'ווייס אויך נישט וואס עס האט מיר אנגעכאפט, אבער איך האב עס מיט מיר".

## אן אויסגערעכנטע שפעטיגונג

נישט יעדן טאג קומט מיר אויס צו האבן א משפחה שמחה אין אויסלאנד. ווען איך האב באקומען די ידיעה אז איינער פון מיינע נאנטע גייען חתונה האבן אין אויסלאנד בין איך געווען פון די ערשטע צו באשטעלן א טיקעט און כ'האב זיך געגרייט ארויסצופארן קיין אויסלאנד.

וואכן און חדשים האב איך זיך געגרייט צו די רייזע און ווען עס איז אנגעקומען דער לאנג דערווארטעטער טאג האב איך איינגעפאקט מיינע זאכן און אויסגעשטעלט אז אלעס זאל קענען זיין גרייט פאר די רייזע.

איינס פון די זאכן וואס איך האב גענומען אין באטראכט איז דער רייזע צו די עירפארט. אלץ איינער וואס וואוינט אין די שטאט ביתר וועלכער איז א שעה מיט א פערטל פון די לופטפעלד אין לוד, און נעמענדיג אין באטראכט אז אינדערפרי זענען די גאסן אנגעלייגט האב איך באשטעלט דער דרייווער אויף האלב זיבן.

מיין חשבון איז געווען אז איך דארף זיין אין עירפארט ניין אזייגער. די וועג געדויערט א שעה מיט א פערטל און איך וועל נאך עספיען צו דאווענען בעפאר דעם ווי א איד און גלייך נאכדעם זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג.

למעשה, האב איך זיך אויפגעוועקט יענעם אינדערפרי' צוואנציג צו זיבן. איך בין געווען מורא'דיג פארלוירן. וואס טוה איך דא? איך דארף שוין ארויספארן אבער וואס וועט זיין מיט מיין דאווענען?

עס איז געווען א שווערע מלחמה אבער א קורצע. גלייך האב איך אנגעקלינגען דער דרייווער און אים דערציילט וואס דא האט פאסירט און אים געבעטן ער זאל מיר אויסווארטן. איך האב אים צוגעזאגט אז כ'וועל אים צולייגן געלט. דער דרייווער האט עס אנגענומען און איך בין געגאנגען דאווענען אין די שכינות'דיגע שטיבלעך. צו מיין מזל האב איך זיך אנגעטראפן א גוטער מנין. מען האט פיין געדאווענט און נאכ'ן דאווענען בין איך אנגעקומען אין שטוב. עס איז שוין געווען צוואנציג מינוט נאך אכט. איך האב גענומען מיינע רענצלעך און עס אריינגעפאקט אין קאר און מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

די רייזע האט זיך נאר אנגעהויבן און דער דרייווער הייבט מיר אן צו דערציילן איבער זיין פריוואטער לעבן.

"וויסן זאלסטו אז איך בין געווען א ישיבה בחור אזוי ווי דיר", האט ער אנגעהויבן זאגן.

איך האב אים באטראכט אבער איך האב נישט געטראפן ביי אים קיין שום צייכן פון זיין אמאליגער פארגאנגענהייט. ווען ער זאגט עס ווען מיר נישט, וואלט איך געזאגט אויף אים אז ער איז א געבוירן געווארן אין א פרייער שטוב.

דער דרייווער זעענדיג אז איך נעם עס נישט אן האט מיר געוואלט איבערצייגן אז ער רעדט אמת און מיר אנגעהויבן איבערזאגן שטיקער גמרא פון א סוגיא וואס ער האט געלערנט אין די יונגע יארן.

איך האב אים אנגעהויבן גלייבן אבער יעצט האב איך געווארט אויף אים ער זאל ממשיך זיין מיט'ן המשך וויאזוי ער איז אנגעקומען צו וואו ער איז היינט אנגעקומען.

"אין ישיבה האב איך געהאט א חבר. דער חבר איז געווען א גוטער בחור. מיר,ביידע, זענען געווען די בעסטע אין שיעור און אין א געוויסער שטאפל האט זיך אנגעהויבן צווישן אונז א קאנקורענץ. מיר האבן זיך קאנקערירט אין אלעס. ווער שטייט אויף די ערשטע? ווער לערנט בעסער? ווער באקומט בעסערע אויסצייכנונגען ביי די פארהער? די פארמעסט איז געווען זייער שווער. עס האט מיר געקאסט אסאך כח און צוגעברענגט אז איך זאל זיך אנשטרענגען מער ווי איך קען ביז עס האט געפלאצט און ווען עס האט געפלאצט האט עס געפלאצט ביז צום סוף, אז איך האב אפגעלאזט אלעס, אז איך זעה אויס אזוי ווי איך זעה היינט אויס".

עס איז געווען ווייטאגליך צו הערן אזא זאך. ביי מיר אין קאפ איז דורכגעלאפן א מחשבה איבער תורה וואס מען לערנט מיט נישט קיין גוטע כוונה, אז עס ווערט פון דעם סם המות ח"ו.

אבער דער דרייווער האט ממשיך געווען מיט זיין שילדערונג.

"יעצט ווען איך האב געווארט אויף דיר, האב איך זיך מתבונן געווען. איך האב געזען וויאזוי עס גייט דיר גארנישט אן. דו ביסט גרייט צו דערלייגן אלעס אויף די וועלט וועגן דאווענען מיט מנין. עס איז דא גרויסע שאנסען אז דו זאלסט אזוי ארום דערלייגן די פליגער, דיין געלט און אלעס טוסטו נאר וועגן איין זאך, נאר צו קענען דאווענען מיט א מנין! צו קענען אויספירן דער רצון השם. דאס איז אן אמת'ער איד! דו ארבעטסט מיט אן אמת פאר'ן באשעפער, דו טוסט עס נישט זיך צו קאנקערירן מיט א צווייטן, אדער צו פארדינען עפעס".

ער האט זיך אויסגעדרייט צו מיר און א א זאג געגעבן.

"פלוצלונג האב איך פארשטאנען אז עס אלעס אמת. אז עס איז נישט נאר סתם דיבורים בעלמא. אז עס איז דא אידן מיט אמת'ע מסירות נפש און וואס געבן אוועק פון זיך פאר א צווייטן און אז דו קענסט - פארוואס זאל איך נישט קענען? איך בין דיר מקנא, אז דו האסט אין זיך אזעלכע כוחות".

דער איד האט ממשיך געווען מיט די נסיעה און מיר געזאגט אז פון די רייזע גייט ער אהיים און ער גייט טוישן זיין וועג לטובה.

איך ווינטש נישט קיין איינעם ער זאל זיך פארשלאפן צופרי, בפרט ווען ער דארף רייזן קיין אויסלאנד, אבער אז השי"ת האט שוין אזוי געפירט, בין איך צופרידן אז עס איז ארויסגעקומען דערפון א גוטער זאך.

## א פרישער 'יששכר וזבולון' געשעפט

עס דערציילט א איד פון חיפה:

איך בין ארויסגעפארן אויף אויסלאנד נאך געלט פאר א געוויסע ישיבה אין ארץ ישראל. זייענדיג אונטערוועגנס איז מיר אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט א גרויסער עושר. דער נדיב האט נאכ'ן אויסהערן מיין בקשה זיך אנגערופן צו מיר אז ער איז מיר גרייט צו געבן א גרויסער סומע געלט, אבער ער האט דערצו איין תנאי, עס איז דא א איד אין ארץ ישראל וועמען ער זוכט שוין א לאנגער צייט, דער איד האט געלערנט מיט אים אין ישיבה. עס איז שוין א שטיק צייט וואס ער וויל מאכן מיט דעם איד א יששכר וזבולון געשעפט. אויב איך בין מצליח אים צו אנטדעקן וועט ער מיר געבן א גרויסער סומע געלט לטובת מיין מוסד.

עס האט זיך גערעדט פון א גרויסע סומע געלט. אויך די בקשה פון דעם עושר האט נישט אויסגעזען צו זיין א שווערע זאך. איך האב אנגענומען די תנאי און ווארעם פארשפראכן פאר'ן עושר אז איך וועל אויספירן זיין בקשה.

"געדענק! עס איז וויכטיג". האט ער מיר געזאגט.

נאך עטליכע טעג פון ווילן אין אויסלאנד האב איך זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל און אהיימקומענדיג האב איך אביסל פארגעסן פון די זאך.

עס איז אריבער צוויי וואכן און איך באקום א טעלעפאן. אויפ'ן טרייבל רעדט דער עושר. ער וויל וויסן וואס איז געווארן מיט דעם? איך האב זיך אריינגעלייגט אין די נושא און זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי אנדערע וואו דער איד וואוינט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד וואוינט אין דרום טייל ארץ ישראל. איך האב אריינגעקלינגען פאר א איד וואס וואוינט אין יענער געגענט און אים געפרעגט צי ער קען דעם איד.

"איך האב נישט קיין אנונג פון וועמען דו רעדסט". האט ער מיר געגעבן א זאג.

ער האט זיך שוין געגרייט אראפצולייגן דער טעלעפאן ווען ער געט זיך א רוף אן צו מיר אז איך זאל ווארטן א רגע, ווייל ער שטייט יעצט נעבן א איד, וואס, זייער מעגליך, אז ער קען אים יא.

"זיכער. קען איך אים". האט דער איד געזאגט.

"וואס ווילסטו פון יענעם"? האט זיך דער איד אינטערעסירט.

"דער איד האט פאר אים א שליחות פון אמעריקע. אן אמעריקאנער איד וויל מאכן מיט דעם איד א 'יששכר וזבולון' שותפות".

דער איד האט נישט געגלייבט וואס ער הערט.

"איך גלייב נישט! דו ווייסט וואו אהין איך גיי יעצט? דער איד פון וועמען דו רעדסט איז א גרויסער תלמיד חכם. ביז היינט האט ער געהאט א 'יששכר וזבולון' שותפות מיט א צווייטן איד אבער מיט א שטיק צייט צוריק, האט דער עושר געזאגט אז זיינע אומשטענדן ערלויבן עס מער נישט, ער וויל אפהאקן די שותפות. איך שטיי אין קאנטאקט מיט דער עושר און מיט דער תלמיד חכם, צו מיר איז אנגעקומען די הודעה און איך האב עס געדארפט איבערגעבן פאר'ן איד, אבער איך בין נישט געווען מסוגל אים איבערצוגעבן אזא הודעה. איך האב עס געהאלטן אין איין אפשטופן אבער היינט, האב איך געוואוסט ביי מיר, אז יהיה מה שיהיה, איך מוז עס גיין איבערגעבן פאר דעם איד און יעצט הער איך פון דיר, אז עס איז דא א פרישער שותף".

אין דעם שטאפל האט זיך אנגעהויבן וועבן די פארבינדונגען צווישן די אלע דריי אידן. מען האט געמאכט א קאנפערענץ קאלל און נאכ'ן דערציילן די מורא'דיגע מעשה איז דער עושר געווארן זייער גערירט פון דעם, ער האט געוואלט וויסן וויפיל געלט דער איד האט באקומען ביז היינט.

"פינף טויזנט שקל א חודש".

"זאג אים אז פונהיינט און ווייטער וועט ער באקומען אכט טויזנט שקל א חודש און געב מיר שוין זיינע דעטאלן פון באנק און אויסערדעם געב אים איבער אז ווען ער האט אין שטוב אן עקסטערע געברויך זאל ער זיך נישט שעמען און בעטן, ווייל איך וויל אז ער זאל קענען לערנען תורה אומגעשטערט". האט דער עושר אויסגעפירט.

די מעשה האט מיר אויסגעלערנט וויאזוי השי"ת זארגט זיך פאר זיינע תלמידי חכמים, אז זיי זאלן האבן וואס זיי דארפן האבן און עס זאל זיי גארנישט פעלן קיינמאל.

איך בין געווען אזוי באגייסטערט. דער באשעפער האט געזען אז איך האב אזא רצון און ער האט געהאלפן עס צו דערפולן. פון אלע רייזענדע האט ער אויסגעוועלט אז איך זאל זיצן נעבן דעם יונגערמאן און אז ער זאל האבן ביי זיך דער ספר. ממש פלאי פלאים! פון הימל האט מען געזען אז איך וויל זיך אפהיטן אויפ'ן וועג און מען האט מיר געהאלפן זיך מתחזק צו זיין אין דעם נושא.

## 360,000$

עס דערציילט מיר א איד פון ביתר.

מיין טאכטער איז קראנק געווארן מיט די ביטערע קרענק מיט פופצן יאר צוריק. אין יענער צייט האבן מיר געמאכט מיט איר אלע טעראפיס וואס עס פעלט זיך אויס און זי איז צוריק געזונט געווארן. זי האט געהאט זיבן געזונטע יארן אבער נאך זיבן יאר איז די קרענק צוריקגעקומען אבער דאסמאל האב איך שוין געהאט עקספירענעס. איך האב געוואוסט וואס איך האב צו טון, צו וועמען צו רעדן און איך האב זיך געווואנדן צו וועמען מען דארף און מען האט אנגעהויבן מיט די גאנצע רייע פון טעראפי.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די טעראפי איז זייער טייער. עס הייבט זיך אן דאהי און עס איז ממשיך אין אויסלאנד. אויף יעדער איינער פון די טערעאפיס דארף מען צאלן די פאנטאסטישע סומע פון 360 טויזנט דאלער. די טעראפי גייט אין צוויי שטאפלען. אויף די ערשטע שטאפל איז דא דעקונג פון די לאקאלע אינשורענס אגענטור אבער אויף די צווייטע איז נישט דא קיין דעקונג און ווען עס רעדט זיך פון אזא פאנטאסטישע סומע און די געלט איז נישט דא, האב איך זיך אנגעהויבן ווענדן צו אלע ערליי אגענטורן.

אבער איך האב געטאפט א וואנט. מען האט מיר געשיקט פון איין ארט צו די צווייטע אבער איך בין געבליבן מיט ליידיגע הענט.

עטליכע טעג פאר די אפעראציע האט מען מיר פון הימל אריינגעשיקט א הארה. איך בין נישט אזא בעל מדריגה אבער השי"ת האט רחמנות געהאט און מיר אריינגעשיקט אזא הארה אז דאס קינד איז בעצם נישט מיין קינד! און איך האב נישט געברענגט אויף אים די מחלה ל"ע, און ווער עס האט איר געגעבן די מחלה און די קרענק דער וועט אויך שיקן די ישועה.

דער געדאנק איז מיר אזוי שטארק אריין אין קאפ אז איך האב אויפגעהערט צו טון דערוועגן. איך בין געווען פארנומען מיט די הכנות צו די רייזע, צו מוטיגן מיין משפחה און איך האב אויפגעהערט שתדלי'ן דערוועגן. אפילו ווען א חבר האט מיר געקלינגען און דערציילט אז ער האט געטראכט פון עפעס א פתרון פון געלט און ער שלאגט מיר פאר צו גיין אנטיילנעמען אין די קאמיטעע, האב איך עס אפגעזאגט, מיט די טענה אז עס איז נישט מיין פראבלעם און כ'גלייב אז דער כל יכול וועט שיקן די ישועה ביז'ן טיר.

די ערשטע אפעראציע וואס איז פארגעקומען דא אין ארץ ישראל איז אריבער מיט הצלחה. ממש געציילטע טעג פאר איך האב זיך געגרייט צו פארן קיין אמעריקע האט מיר דער דאקטאר אנגעקלינגען און דערציילט אז עס איז דא אין אמעריקע אן אפיס וואס געט זיך אפ מיט'ן פארשן די קעיס פון מיין טאכטער און דער פאקט אז די קרענק האט זיך צוריקגעקערט ביי מיין טאכטער נאך זיבן יאר האט אויסגערופן ביי זיי א שטארקע אינטערעסע און זיי ווילן עס שטודירן.

זיי בעטן מיר צי איך קען פאר זייערטוועגן אונטערשרייבן א דאקומענט וואס געט זיי די מעגליכקייט צו קענען מיטהאלטן דער גאנצער פראצעדור און אין אויסטויש נעמען זיי אויף זיך די גאנצע קאסטן פון די אפעראציע.

איך האב גלייך געגעבן מיין צושטימונג און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אפיס צאלט נישט נאר אויס די קאסטן פון די אפעראציע נאר אויך אלע ארומיגע קאסטן ווי די פליגער, די עסנווארג, די האטעל, אפילו די פליגערס פאר'ן אונטערזוכונג נאך די באהאנדלונג. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איך האב נישט געדארפט ארויסנעמען פון מיין טאש אפילו אן איינצעלנער דאלער פאר די אפעראציע.

דער רופא כל בשר וואס האט מיר געשיקט די קינד האט אויסגעצאלט די אפעראציע מיט אלע אירע קאסטן און מיר האבן זוכה געווען צו זען אן אפענע ישועה.

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך ארבעט זייער שווער זיך צו שטארקן אין אמונה און אין בטחון. איך חזר זיך כסדר אז אלעס איז פון אויבן און אלעס איז לטובה און וואס עס איז אנגעשריבן ביי מיר איז מיינער אבער ווען איך קוק זיך ארום ביי אנדערע און איך זעה ווי עס גייט זיי גוט, ווי זיי זענען מסודר מיט פרנסה, מיט א דירה אן א גרויסער מארגעדזש אויפ'ן קאפ, ווערט מיר שלעכט אויפ'ן הארצן, עס עסט מיר אויף פארוואס גייט עס ביי מיר אזוי שווער. עס קען זיין אז איך דארף ארבעטן אויף די מידה פון קנאה, אבער עס קומט מיר אן זייער שווער און כ'וואלט געוואלט בעטן אן עצה וויאזוי קען מען זיך שטארקן אויף די מידה אז איך זאל זיין צופרידן מיט וואס איך האב און נישט קוקן וואס טוט זיך ביי אנדערע

שאלה נומער 47 — י.ו. בית שמש

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### אין אדם נוגע במוכן לחברו

**הרב אהרון בייפוס פון רכסים, הרב אהרן אברהם פון אשדוד, הרב אברהם מרדכי זייבעלד פון צפת און הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** דער שורש פון מידת הקנאה איז אז דער מענטש טראכט ביי זיך אין הארץ אז דער צווייטער נעמט עפעס צו פון אים. דער געדאנק דערקענט זיך זייער שטארק ווען מען ווערט קוקן ווען מען איז מקנא. ווי ווייט דער מענטש איז פון אונז אלץ שוואכער ווערט די קנאה זיין אויף אים. ווי נענטער ער איז צו אונז אלץ גרעסער ווערט די קנאה זיין אויף אים. דער וועג זיך צו מתגבר זיין אויף דעם איז צו חזר'ן ביי זיך דער מאמר חז"ל אין יומא [לח ע"ב] אז קיין איין מענטש קען נישט אנרירן אין וואס עס איז שייך פאר א צווייטן. וואס עס איז באשערט פאר דיר ווערט אנקומען צו דיר. אויסערדעם איז גוט צו וויסן אז מיר ווייסן נישט און פארשטייען נישט די חשבונות שמים. די וועלט וואו מיר לעבן איז דומה לפרוזדור. אלע שוועריגקייטן און מוטשענישן וואס דער מענטש גייט אריבער אויף די וועלט איז נאר אים צו מאכן ראוי לעולם הבא. קיין איינער וויל נישט עס זאל אים זיין גוט אויף די וועלט אויפ'ן חשבון פון זיין גן עדן. די גמרא דערציילט אז רבי חנינא בן דוסא האט באקומען א גאלדענע פוס פון הימל אבער ווען ער האט געהערט אז עס קומט פון זיין גן עדן האט ער געבעטן מען זאל עס צונעמען פון אים. צומאל איז די שוועריגקייט אין פרנסה די גרעסטע כפרה און פדיון אויף גרעסערע יסורים. מען דארף עס וויסן און געדענקען און זיך שטארקן אין די נקודה און אזוי ארום וועט די קנאה אוועקגיין.

לייגט צו אויף דעם **הרב יהודה כץ פון מודיעין עילית** פון ספר מסילת ישרים (פרק יא): וואו ער שרייבט אז ווען א מענטש טראכט אויף ווי ווייט עס גייט דער מאמר חז"ל אז קיין איינער רירט נישט צו צום צווייטן אפילו נישט כמלוא נימה און אז אלעס פירט זיך לויט די קלוגע חכמה נפלאה פון די בריאה וואלט נישט געווען קיין טעם זיך מצער צו זיין ווען עס גייט גוט פאר א צווייטן.

**הרב יחיאל בייפוס פון מודיעין עילית:** א גוטע עצה פטור צו ווערן פון די קנאה איז זיך מתבונן צו זיין אין די גוטס וואס מען האט געהאט ביז היינט און דורכדעם זען וויאזוי אלעס פירט זיך בהשגחה פרטית. אזא סארט התבוננות וועט גורם זיין אז די קנאה וועט ווערן ווייניגער.

**הרב נחמן גולדברג פון ירושלים:** א מענטש איז איבערגעצייגט אז וואס יענער האט איז בעסער פון וואס ער האט, אבער עס איז א טעות. אינדרויסן זעט מען נאר האלב פון דעם בילד. ווען מען זאל זען די גאנצע בילד בין איך נישט זיכער אז דו וואלסט זיך געוואלט טוישן מיט יענעם.

### רקב עצמות קנאה

**הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** אויסער אלע שלעכטע חסרונות וואס קנאה האט האלט ער אויך אפ די שפע פון א איד. ווען א איד קוקט אויף יענעמ'ס גוטס מיט אן עין טובה איז ער ממשיך שפע אויף זיך אליין אבער ווען ער קוקט אויף יענעמ'ס שפע מיט קנאה איז ער גורם אז אויך זיין שפע זאל ווערן אפגעהאקט.

**הרב מני דרחי פון רמת גן, הרב חיים מאיר דאסקאל פון אלעד און הרב מנחם מענדל שטראוס פון בני ברק:** אויב עס זעט דיר אויס אז אויב דו וועסט האבן די דירה פון דיין חבר וועט דיר זיין בעסער האסטו א גרויסן טעות. עס קען זיין אז אין די ערשטע תקופה וועט דיר זיין גוט אבער ווען עס וועט אריבערגיין א שטיק צייט און דו וועסט ווערן איינגעוואוינט צו די נייע דירה וועט זיך די קנאה אין דיר אויפוועקן. א בעסערע עצה איז משלים צו זיין אז דאס וואס דו האסט איז די בעסטע פאר דיר. זיין א שמח בחלקו. א מקנא איז דומה צו איינער וואס גלוסט די שיך פון א צווייטן. יענער האט טאקע שיינע שיך אבער אז דו וועסט אריינלייגן אין איר דיין פוס וועט עס ארויספאלן. עס איז דא א טייער ווארט. צדיקים האבן געטייטשט די ווערטער 'בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד'. האט מען געטייטשט 'בשמים' ווען עס רעדט זיך פון הימלישע זאכן ממעל - קוק ארויף אויף ווער עס איז העכער פון דיר אבער בארץ - ווען עס קומט צו גשם - מתחת קוקט אראפ אויף ווער עס איז אונטער דיר און שטארק זיך פון אים אז ער האט אזוי ווייניג אבער דו האסט מער פון אים.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה:** די בעסטע עצה קעגן קנאה איז פשוט צו דאווענען צו השי"ת ער זאל אראפנעמען פון דיר די נגע הקנאה און אז דו וועסט מתפלל זיין אויף דעם וועט דיר השי"ת זיכער אויסהערן און העלפן אז עס זאל אוועקגיין פון דיר.

**הרב יחיאל דאווידאוויטש פון בית שמש און הרב אריה מרדכי גרינוואלד פון בית שמש:** די בעסטע עצה קעגן קנאה איז צו מסיח דעת זיין פון איר. אז מען באשעפטיגט זיך מיט איר, אפילו אויב מען טוט עס ווייל מען זוכט וועגן וויאזוי מען קען זיך מתגבר זיין אויף איר איז גורם אז די קנאה זאל נאר ווערן שטערקער.

### א שאלה פאר גליון 98

עס איז שוין א שטיק צייט וואס איך לייען די גליונות און איך הער אויס די שיעורים וואס ווערן איבערגעגעבן אויפ'ן האטליניע. ווי מער איך גיי אריין אין דעם דערקענט זיך מער און מער לויט די שפראך און די שרייבעריי אז די אידן וואס לעבן און זענען צוגעבינדן צו די האטליניע און צו די גליונות לעבן העכער, צופרידענער און רואיגער. זיי זעען אין יעדער זאך די השגחה העליונה און עס ווערט מקויים ביי זיי דער 'ברוך הגבר אשר יבטח בהשם'. איך שטרעב אויך אנצוקומען צו די מדריגה. אז די נושא פון אמונה זאל נישט זיין ביי מיר בלויז משפה ולחוץ נאר א חלק פון מיין לעבן און כ'וואלט זייער געוואלט הערן פון אנדערע וויאזוי קומט מען אן צו אזא דרגה, אז די זאך זאל ווערן א טייל פון דער לעבן?

י.ה. מבית שמש

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת ראה. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

### 'א כל יכול' עס איז א מציאות!

עס איז אנגעקומען צו מיר א שווערע פאל. עס האט זיך גערעדט פון א פרוי וואס איז שוין ל"ע קראנק מיט די ביטערע מחלה פאר פינף יאר אין איין ציה. די שוועריגקייטן וואס זי גייט אריבער איז אומבאשרייבליך. זי ליידט און אירע ארומיגע ליידן. די גאנצע משפחה ליידט. דער מאן איז אויסגעשעפט, די קינדער זענען צובראכן, עס איז אוממעגליך צו שילדערן די צער, די פארלוירענקייט, די האפענונגסלאזע שטימונג וואס הערשט דארט אין שטוב, ביי די קינדער, ביי די עלטערן.

ווען איך האב געהערט וועגן דעם האב איך געזאגט פאר'ן טאטן אז כ'וויל רעדן מיט אים און מיט די גאנצע משפחה. זיי זענען אלע געקומען צום טעלעפאן און איך האב אנגעהויבן רעדן צו זיי. איך האב גערעדט צו זיי פאר גאנצע צוואנציג מינוט. איך האב גערעדט צו זיי וועגן אמונה, וועגן בטחון, איך האב גערעדט צו זיי פון טיפן הארצן, מיט דער גאנצער ברען. איך האב גע'חזר'ט מיט זיי דער געדאנק אז השי"ת איז א כל יכול! ער קען אלעס! ער קען אויסהיילן די מאמע אין איין רגע. צי איז דען דא עפעס וואס השי"ת קען נישט? האב איך זיי געפרעגט. איך האב עס נישט געזאגט סתם אזוי. איך האב באמת געגלייבט אין דעם.

די משפחה האט זיך געשטארקט פון דעם. מען האט אנגעהויבן גלייבן באמת און שוין צומארגענס האב איך באקומען א טעלעפאן-רוף פון די בני המשפחה אז ברוך השם - נאך אסאך יארן פון ליידענישן איז דא א שטארקער שינוי לטובה.

א וואך דערויף האב איך זיך באגעגנט מיט נאך אזא מעשה, דאסמאל איז די מעשה נאך געווען שטערקער פון די ערשטע.

עס רעדט זיך פון א יונגע פרוי וואס איז ליידער געשלאגן געווארן מיט די ביטערע מחלה. די מחלה איז אזוי אויסגעשפרייט אין אירע קערפער אז די דאקטוירים זאגן אז עס איז ליידער שוין נישט דא וואס צו טון מיט איר, מען האט איר געלייגט אין די אפטיילונג וואו עס ליגן די וואס עס איז שוין נישט דא וואס צו טון מיט זיי.

זי ליגט דארט נעבעך פארשמאכט. זי קען זיך נישט רירן און די דאקטוירים ציילן שוין אירע טעג.

מען האט מיר געבעטן איך זאל שטארקן די משפחה אבער איך האב נישט געהאט קיין ווערטער אין מויל. פונדעסטוועגן האב איך באשלאסן צו זאגן וואס כ'זאג אלעמאל. איך האב איר אנגעהויבן זאגן אז זי איז שוין געזונט. אז עס וועט נישט געדויערן לאנג און זי וועט אראפגיין פון בעט. דער באשעפער איז א כל יכול. עס איז נישט קיין משל. עס איז א מציאות. מיר כאפן נישט קיין התפעלות פון גארנישט. נישט וואס די דאקטוירים זאגן, נישט וויאזוי זי זעט אויס. מיר גלייבן אז אלעס קען זיך נאך טוישן אין איין רגע. ביי אונז איז דא נאר איין זאך, עס איז דא דער 'אין עוד מלבדו'.

איך האב זיי נאכגעזאגט וואס דער בעל ה'לשם' פלעגט זאגן אז אין דבר העומד בפני בטחון.

איך האב גערעדט צו זיי פינף מינוט. מער האב איך נישט געקענט רעדן.

צומארגענס האט מיר געקלינגען איינער פון די משפחה און געזאגט, הרב מאנדעל, דו מוזט וויסן אז אלעס וואס דו האסט געזאגט האט באמת פאסירט. אין דעם זעלבן טאג, נאך וואכן לאנג וואס זי איז נישט אראפ פון בעט, האט זי אראפגעלייגט די פיס אויף די ערד, מיט אירע אייגענע כוחות.

מען האט אויך געמאכט א עם. אר. איי. אונטערזוכונג און מען האט געזען אז עס איז דא א שטארקע שיפור לטובה. די דאקטוירים זענען שאקירט. זיי האבן נאך אין זייער לעבן נישט געזען אזא זאך.

דער רבונו של עולם האט געמאכט וואונדער. ער איז דער גרעסטער בעל מופת אין די וועלט. לאמיר זיך שטארקן אין אמונה און מיר וועלן זען ישועות למעלה מדרך הטבע.

די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די באקומער

עס דערציילט א מאמע: מיין קינד האט חתונה געהאט. די חתונה איז אריבער ברוב פאר והדר אבער צומארגענס פון די שבע ברכות איז מיין זון אהיימגעקומען. ער האט זיך גע'גט. די שטימונג אין שטוב איז געווען אויסטערליש דיפרעסט. איך האב ממש נישט געקענט אנגיין מיט מיין טאג טעגליכער ארבעט. איך האב געשפירט ווי איך פאל אריין אין א טיפע דיפרעסיע און דאן האט מען מיר פון הימל אריינגעשיקט אין די הענט אריין אייער גליון. עס האט מיר אזוי מחזק געווען אז איך האב צוריק אנגעהויבן שפירן א טעם אין לעבן. נאך פון יענעם טאג, קוק איך אריין טאג טעגליך אין דעם גליון. עס איז מיר מורא'דיגע מחזק. איך דאנק אייך, עס האט געראטעוועט מיין לעבן, מיין שטוב, עס איז מחיה נפשות.

### מצד די געבער

עס איז מיר געווען זייער ענג אין פרנסה. איך האב געזוכט א גוטער ארבעט אבער איך האב נישט געקענט טרעפן. זעענדיג אז עס גייט נישט האב איך צוגעזאגט אז איך וועל תורם זיין געלט פאר די גליון. איך האב זיך אויך מקבל געווען אויסצוהערן יעדן טאג די השגחה פרטית האטליניע אין לויף פון 40 טעג און זיך מחזק זיין אין אמונה און גלייבן אז אלעס קומט פון דעם בורא עולם. עס איז אריבער א האלבע שעה פון די קבלה טובה און איך באקום א טעלעפאן אז מען האט מיר אנגענומען צו אן ארבעט. די געהאלט פון די נייע ארבעט איז געווען פונקט דאפלט פון די ערשטע. יעצט, נאכ'ן האבן די ישועה, שיק איך אריין געלט פאר די הפצה פון די גליונות אין אונזער געגענט, אז מען זאל זיך שטארקן אין אמונה און עס זאל זיין פאר מיר א זכות.

שמעון ש.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט

קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה